**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/11/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 'נארטוועל העלט' וועט ארויסשטעלן נורסעס צו באקעמפען קאָוויד-19 אנפלייץ אין מערב ניו יארק

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז 'נארטוועל העלט', ניו יארק סטעיט'ס גרעסטע העלטקעיר סיסטעם, האט ארויסגעשטעלט א מאנשאפט פון געניטע נורסעס צו מערב ניו יארק זיך אפצורופן צו דער פאדערונג פאר מער מעדיצינישע פערסאנאל צו העלפן א ראיאן אנגעשטרענגט מיט אן אנפלייץ אין קאָוויד-19 פעלער.

דער 'נארטוועל' מאנשאפט פון 16 קלינישע פראפעסיאנעלן און צוויי מאנשאפט פירער, וועלכס נעמט אריין אינטענסיוו קעיר, עמערדזשענסי דעפארטמענט און מעדיקעל-סורדזשיקעל נורסעס, זענען ארויסגעשטעלט געווארן צו ערי קאונטי מעדיקעל צענטער אין באפעלאו און דער אוניווערסיטעט פון ראטשעסטער'ס 'סטראָנג מעמאָריעל שפיטאל' אין ראטשעסטער אום דעצעמבער 11. די צוויי-וואכיגע מיסיע קומט אזוי ווי קאָוויד-19 אינפעקציעס און האספיטאליזאציעס שטייגן איבער'ן גאנצן סטעיט.

"באקעמפן דעם ווינטער אנפלייץ וואס פארלאנגט א מאנשאפט ארבעט איבער'ן סטעיט פון צוזאמענארבעטער לענגאויס ניו יארק סטעיט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך וויל דאנקען 'נארטוועל העלט' פאר'ן זיך אפרופן צו דער פאדערונג פאר אקציע און צוזאמענארבעטן מיט אונז צו שיקן א מאנשאפט פון אויסערגעווענטליך געניטע נורסעס וועלכע וועלן אונטערהייבן שפיטאל קאפאציטעט און אונז העלפן נידערן די צאל אין מערב ניו יארק."

'נארטוועל' באשעפטיגט באלד 19,000 נורסעס ביי איר 22 שפיטעלער און איבער 800 אָוטפעישענט איינריכטונגען, אריינגערעכנט די מאנשאפט פון נורסעס וועלכע האבן זיך מתנדב געווען פאר דער מיסיע צו ניו יארק'ס לעצטע קאָוויד-19 האַט-ספּאָט. דער העלטקעיר סיסטעם וועט פארזעצן ווייטער אינערליך צו נאכשפירן פאציענט צאלן און נויטיגע צאל שטאב מיטגלידער אזוי ווי עס שיקט ארויס הילף אויף אנדערע ערטער.

**עקטינג סטעיט געזונטהייט קאמישענער דר. מערי טי. באסעט האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר דערנענטערן זיך צו די האָלידעיס, ווען מיר זיך נויטיגן אין קאמיוניטי-געאייגנטע לייזונגען און קאאפעראציע מיט צוזאמענארבעטער ווי 'נארטוועל העלט' זיך אפצורופן צו די שטייגונג אין קאָוויד-19. מיר זענען אזוי פיל שטערקער ווען מיר ארבעטן אינאיינעם, און מיר דאנקען דערפאר 'נארטוועל' פאר'ן שיקן שטאב שטיצע פון דאָונסטעיט צו מערב ניו יארק. מיר האבן די געצייג — און די שטיצע-מיטלען — וואס מיר דארפן אויף אפצוהאלטן אינפעקציע. וואקסינאציע באשיצט אייך, און טראגן א מאסקע איז דער שטייגער וויאזוי מיר באשיצן זיך איינער דעם אנדערן.

**פרעזידענט און סי-אי-או פון 'נארטוועל העלט' מייקל דאולינג האט געזאגט,** "מיר האבן אנגעבאטן צו שיקן נורסעס אהין נאכ'ן הערן איבער א שטאב מאנגל אין דעם ראיאן און זעענדיג קאָוויד-19 פעלער שטייגן דארט גאר הויך. טראצדעם וואס קאָוויד פעלער דאָונסטעיט האבן געשטיגן, זענען זיי גאר ווייט פון

די עול וואס עס טוט אויסשטיין העלטקעיר סיסטעמס אין אנדערע טיילן פון ניו יארק. אס א נאטורליכע צוזאמענארבעט צווישן העלטקעיר ארגאניזאציעס. אין דער צייט פון קריזיס, האבן מיר די מעגליכקייט צו העלפן און דערפאר וועלן מיר דאס טון ווייטער. מיר געדענקען ווען דער פאנדעמיע האט אונז די שווערסטע באטראפן און מיר האבן געהאלטן ביים ערגסטן.״

**טאמאס דזשעי. קוואטראש דזר., פי-עיטש-די, פרעזידענט און סי-אי-או פון ערי קאונטי מעדיקעל צענטער, האט געזאגט,** ״ מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול און ׳נארטוועל העלט׳ פאר קאארדינירן די באמיאונג ארויסצוהעלפן ECMC אין די זעלבע צייט וואס מיר מאכן מיט גאר הויכע פאציענט צאלן און זעצן פאר ווייטער צו אדרעסירן אונזער שטאב מאנגלען. דאס איז א ביישפיל אויף וויאזוי מיר קענען צוזאמענצוארבעטן צו באזארגן לעבנס-רעטנדע פאציענט אויפפאסונג.״

**׳נארטוועל׳ טשיעף נורסינג אפיציר מאורין ווייט, אר-ען, האט געזאגט,** ״ ניו יארק סיטי און לאנג איילענד זענען געווארן אנגעפלייצט מיט קאָוויד פעלער אום מערץ 2020. עס איז געווען א דורכלעבעניש וואס דער פארנט ליניע מאנשאפט ביי ׳נארטוועל׳ — און אלע ניו יארקערס — וועלן נישט באלד פארגעסן. ״אונזער נורסעס האבן דעמאלס באקומען הילף פון אנדערע העלטקעיר סיסטעמס. מיר ווילן שטענדיג געדענקען ווייטער צו געבן די גוטהארציגקייט און איצט גיבן הילף ווען אנדערע שטייען אויס א באנייטע אנגרייף דורך דעם ווירוס.״

**באפעלאו מעיאר בייראן בראון האט געזאגט,** ״איך דאנק גאווערנער קעטי האקול און ׳נארטוועל העלט׳ פאר ארויסשיקן מעדיצינישע פראפעסיאנעלען ארויסצוהעלפן ערי קאונטי מעדיקעל צענטער שטאב, אזוי ווי אונזער ראיאן רופט זיך אפ צו דער לעצטער קאָוויד-19 אנפלייץ. אין נאמען פון אלע איינוואוינער פון דער שטאט באפעלאו, בין איך דאנקבאר פאר די צוזאמענארבעטשאפט און שטיצע פון לענגאויס ניו יארק סטעיט.״

די אוניווערסיטעט פון ראטשעסטער און ׳אינטערמאונטען׳ העלטקעיר אין יוטאה האט געשיקט מעדיצינישע הילף צו ׳נארטוועל׳ אין לויף פון די ערשטע כוואליע אין 2020. ׳נארטוועל׳ האט צוריקגעצאלט דורך ארויסהעלפן ׳אינטערמאונטען׳ אין דער צייט פון זייער אנפלייץ און האט איצט דעם שאנס צוריקצוצאלן פאר די אוניווערסיטעט פון ראטשעסטער אין איר צייט פון נויט. ׳נארטוועל׳ האט אויך ארויסגעשטעלט מעדיצינישע מאנשאפטן צו די הענרי פארד סיסטעם אין מישיגען דורכאויס דער פאנדעמיע, ווי אויך יוסטאן און פערטא ריקא נאך האריקעינס האבן פארוויסטעוועט די יעניגע ראיאנען.

**איבער ׳נארטוועל העלט׳**

׳נארטוועל העלט׳ איז ניו יארק סטעיט׳ס גרעסטע העלטקעיר פראָוויידער און פריוואטע באשעפטיגער, מיט 22 שפיטעלער, 830 אָוטפעישענט איינריכטונגען און איבער 16,600 אפיליאירטע דאקטוירים. מיר טוען אויפפאסן איבער צוויי מיליאן מענטשן יערליך אין די ניו יארק מעטראָ געגנט און ווייטער, א דאנק די פילאנטראפישע שטיצע פון אונזערע קאמיוניטיס. אונזערע 77,000 באשעפטיגטע — 18,900 נורסעס און 4,900 באשעפטיגטע דאקטוירים, אריינגערעכנט מיטגלידער פון ׳נארטוועל העלט פיזישען פארטנערס׳ — ארבעטן צו ענדערן העלטקעיר אויף בעסער. מיר מאכן דורכבראכן אין מעדיצין ביי דעם פיינסטיין אינסטיטוטס פאר מעדיצינישע פארשונג. מיר טרענירן דעם קומענדיגן דור פון מעדיצינישע פראפעסיאנעלן ביי דער וויזאנערישע דאנעלד און בארבארא זוקער סקול פון מעדיצין ביי ׳האפסטרע׳ / ׳נארטוועל׳ און דער ׳האפסטרע נארטוועל׳ סקול פון נורסינג און דאקטער געהילף שטודיעס. פאר אינפארמאציע אויף אונזער איבער מעדיצינישע ספעציאליטעטן, באזוכט [/http://northwell.edu](http://northwell.edu/) און פאלגט נאך NorthwellHealth@ אויף [פעיסבוק](), [טוויטער](), [אינסטעגרעם]() און [לינקד-אין]().

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418